פרשת
נח
שנה ד' - גליון קל"א
עש"ק ל' תשרי תשע"ב

בעזהשי"ת
# קינדערגארטן וויעקל
ארויסגעגעבן דורך:
סאטמאר קינדערגארטן - וויליאמסבורג

הדלקת הנרות
5:42
זמן מוצאי שבת
7:09
שבת קודש ב' דראש חודש

## ווארט פון מנהל

### ברוך שהחינו וקימנו והגיענו "לזמן" הזה!

ברוב שבח והודי' צו השי"ת אז מיר האבן בעזהשי"ת אריינגעטרעטן אינעם נייעם יאר צום ווינטער זמן שנת תשע"ב הבעל"ט.

ב"ה די קינדער זענען שוין מסודר אין זייערע נייע כיתות ביי א נייע רבי, די קינדער שפירן זיך דערהויבן און גרעסער "מיר זענען שוין יעצט אין א נייע כיתה א גרויסע חדר" ! שוין מער נישט קיין בעיבי חדר.

א שמייכל ליגט אויף א יעדן קינד באזונדער, די קינדער זיצן מיט א פרישקייט און הערן זיך גוט צו ווי אזוי דער מלמד פעדעמט איין דעם חדר, אודאי וועלן מיר אלעס שיין פראבירן אויסצופאלגן! מיר זענען דאך שוין גרויס...

באמת איז אבער נאך דא אייניצעלנע קינדער וואס זענען נאכנישט אזוי פרייליך דאס איז נאר ווייל א טויש ביי א קינד קען נעמען אפאר טעג ביז זיי געוואוינען זיך צו דערצו. דעריבער איז וויכטיג צו געבן חיזוק פאר די קינדער און זיי זאגן אז יעצט זענען זיי שוין גרעסער און זיי לערנען שוין אין א גרעסערע חדר מיט גרויסע אינגלעך.

אין פאל אז נאך עטליכע טעג זעהט מען נאך אלץ נישט קיין פארבעסערונג דאס קינד איז נאך אלץ נישט פרייליך ער איז נאך דערשראקן אדער פאר'דאגה'ט דאן רופט'ס אן דעם מלמד אדער דעם מנהל דאס איבער צו שמועסן אזוי וועט מען לייגן א ספעציעלע געוויכט אז דאס קינד זאל זיין העכסט צופרידן בעזה"ה ער זאל האבן א שטארקן חשק און ליבשאפט צום חדר.

אין די זעלבע צייט זענען מיר מתפלל צו השי"ת א תפלה אז בזכות רבותיה"ק זי"ע זאל דאס קומענדיגע יאר געקרוינט ווערן מיט הצלחה, השי"ת זאל אונז ווייטער העלפן מיט שטענדיגע סייעתא דשמיא אריין צו לייגן אין די תשב"ר יראת שמים, אמונה, מידות טובות, א ליבשאפט צו תורה און ערליכקייט, מיר זאלן קענען טוהן אונזער שליחות וואס מיר דארפן צו טוהן און אלע עלטערן זאלן שטענדיג זעהן אסאך נחת פון אלע קינדער עמו"ש גרינגערהייט מיט א פרייליכן געמיט עד ביאת הגואל. אכי"ר

## זייט אויפמערקזאם

1) **עס איז** זייער וויכטיג א גאנץ יאר ובפרט אנהייב יאר צו געבן חיזוק און קוראדזש פאר אייער קינד איבער אלע ענינים וואס מען לערנט אין חדר.

די חשוב'ע מלמדים פראבירן אריין צו לייגן מיט געטריישאפט פארשידענע לימודים. ערליכקייט, מידות טובות, און הלכות, עס פעלט זיך אויס דאס צו באגלייטן פון שטוב מיט א ערנסטקייט. ווען די קינדער זעהן אז די עלטערן ווייזן ארויס א חשיבות צו דעם וואס מען לערנט, און וואס מען טוט אין חדר צייגן זיי ארויס אויטאמאטיש מער חשק און אינטערעסע אין די לימודים פון חדר.

2) **אזוי ווי** עס האבן אסאך קינדער געמופט אינעם פארגאנגענעם יאר וואס דאס האט געמאכט א עס איז געווארן עטליכע איבערגעפילטע באסעס דעריבער האט זיך שטארק אויסגעפעלט א טויש אין די באס ראוט'ס. הנהלת טראנספארטעישאן איז געזיצן לאנגע וואכן און טעג צו מסדר זיין די ראוט'ס צו קענען נאכקומען די געברויכן פון די קינדערגארטן נורסערי "ספעציעל". ב"ה עס האט זיך שיין מסדר געווען עצהיו"ט און די באסעס זענען כמעט אייניג אויסגעשטעלט. באמת ווילן מיר זיך נאכאמאל שטארק אנטשולדיגן פאר די חשוב'ע עלטערן אויף דעם וואס דער מעלדונג וועגן דעם טויש איז נישט אנגעקומען צו די עלטערן א טאג בעפאר דעם טויש, כדי די עלטערן זאלן וויסן אז מען דארף צו ווארטן אביסל פריער אויפן באס, ווייל ווען מען טוישט די באס ראוט'ס קען זיין אין א טויש אין זמן ווען די באסעס קומען. מיר זענען אבער זיכער אז איר וועט זיין צופרידן פונעם נייעם סדר אז די באסעס וועלן קענען זיין צייטליך בעז"ה.

**אלע קינדער האבן באקומען נייע פינ'ס מיט אלע אינפארמאציע דערויף עס איז אויסדריקליך זייער וויכטיג אז יעדער קינד זאל אויסנאם קומען יעדן איינציגן טאג מיט זיין נייע פין, (עס איז איבעריג ארויס צו ברענגען אז אנטון א אלטע פין מיט אלטע אינפארמאציע דערויף וועט נאר ברענגען עגמת נפש), און קומען אן א פין איז כמעט זיכער אז דאס קינד וועט אנקומען ערגעץ אנדערש אדער אין א אנדערע חדר, וד"ל.**

אויך האט יעדעס קינד באקומען א קארטל מיט זיין "קלאס רום נאמבער" דערויף דאס איז געמאכט אז ער זאל שנעל אנקומען צו זיין נייעם קלאס רום, עס שטייען מלמדים א יעדן אידערפרי אין די האלל און ווארטן אפ די קינדער העפליך מיט א שמייכל מיט א ווארימען "גוט מארגן". מען ווייזט זיי ווי צו גיין צו זייער נייע קלאס רום. דעריבער אדורך דעם קארטל איז דאס פיל גרינגער פאר די ערשטע פאר טעג.

3) **מיר שפירן** פאר וויכטיג נאכמאל צו בעטן די עלטערן, אז אזוי ווי מיר האבן אסאך קינדער מיט שווערע אלערדזשיס, סיי צו מילך, ניס און נאך. בעטן מיר בכל לשון של בקשה. מ'זאל נישט שיקן מיט קיין קינד זאכן וואס פארמאגן מילכיג אדער ניס אפילו נאר א ברויט אנגעשמירט אויך נישט. עס איז זייער שעדליך און מיר רעדן שוין פון עקספיריענס ל"ע. וויפיל א מלמד זאל נישט אכטונג געבן קען מען זיך נישט געגוג בעהיטן, ספעציעל ווען די קינדער מאכן זיך אייגענע ביזנעס אויפן באס, איך געב דיר דאס און דו גיבסט מיר דאס, און מער דארף מען נישט... ח"ו. מיר האפן אז די עלטערן וועלן דאס אנעמען מיט פארשטענדעניש.

און אז איר חשוב'ע עלטערן שיחיו וועלן זיין צופרידן און שעפן פיהל נחת פון אייער קינד.

**מיט אכטונג – הנהלת הקינדערגארטן**

נ.ב. זעה ספעציעלן בריוו וועגן א ריסעס פעקל.

# וויכטיגע מעלדונג וועגן השבת אבידה

## אי"ה די קומענדיגע וואך זונטאג, מאנטאג, און דינסטאג, וועט זיין אויסגעלייגט אלע פארלוירענע זאכן פונעם גאנצן בילדינג אין רום 102 אויפן ערשטן שטאק פון תלמוד תורה, מען קען קומען א גאנצן טאג, געדענקטס! אידיש געלט! התורה חסה על ממונן של ישראל





## די תיבה ביי אונז אין חדר

אזוי הערליך און שיין האט מיין רבי פארציילט די וואך ווי נח בויעט א תיבה פון דריי שטאקן הויעך. א ספעציעלע פלאץ פאר יעדע זאך. אבער נישט נאר האבן מיר דאס געהערט נאר אויך געזעהן א הערליכע אויפגעשטעלטע תיבה מיט אלע צוגעהערין דערין.

אלע דריי שטאק אהער געשטעלט צו די זאך מיר זענען ממש כמעט אריין דערין, אויך א ספעציעלע אויסשטעלונג ווי אלע חיות שפאצירן אריין אין די תיבה.

אויך האט מיין רבי פארציילט אז נח האט אזוי שווער געארבייט אין די תיבה ווי ער האט פאר אלע חיות גענעבן שיין צו עסן. אבער איינמאל האט ער געשפעטיגט פארן לייב זיין עסן, און ווען נח איז אנגעקומען האט איהם דער לייב געביסן אין זיין הענט. אלע קינדער האבן אויסגעשריגן "אאוטש" פאר דעם בייס פונעם לייב פאר נח. דערנאך האט אונז דער רבי געגעבן א בענדיטש וואס אלע קינדער האבן דאס ארויף געלייגט אויף די הענט "אזוי ווי נח"

## מזל טוב וואונטשן

### ברכת מזל טוב

פאר הילד

**הערשל ב"ר נפתלי הירצקא שטיין ני"ו**

לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי רבי אברהם הלוי בערגער שליט"א

### ברכת מזל טוב

פאר הילד

**משה ארי' ב"ר יואל גראס ני"ו**

לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי רבי אברהם הכהן ג'ברא שליט"א

### ברכת מזל טוב

פאר הילד

**יעקב ב"ר יואל מאסרי ני"ו**

לכבוד זיין אפשערן

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי רבי ברוך הורוויץ שליט"א און ר' יואל לעבאוויטש שליט"א

### ברכת מזל טוב

פאר הילד

**משה ב"ר מאיר יעקב פאללאטשעק ני"ו**

לכבוד זיין אפשערן

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי רבי ברוך הורוויץ שליט"א און ר' יואל לעבאוויטש שליט"א

### ברכת מזל טוב

פאר הילד

**אלי' ב"ר יצחק יודא מאשקאוויטש ני"ו**

לכבוד זיין אפשערן

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי רבי ירמי' פאגעל שליט"א און ר' שמואל ברוך קאהן שליט"א

### ברכת מזל טוב

פאר הילד

**אשר ב"ר אברהם לייב ליכטמאן ני"ו**

לכבוד זיין אפשערן

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי רבי ברוך הורוויץ שליט"א און ר' יואל לעבאוויטש שליט"א

### ברכת מזל טוב

פאר הילד

**אלי' שמואל ב"ר מאיר משה בערגער ני"ו**

לכבוד זיין אפשערן

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי רבי ירמי' לעווי שליט"א און ר' וואלף בער שווארץ שליט"א

### ברכת מזל טוב

פאר הילד

**אבא ב"ר ישראל דוד וויינבערגער ני"ו**

לכבוד זיין אפשערן

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי רבי יואל כ"ץ שליט"א און ר' יואל הערש שפיטצער שליט"א

### ברכת מזל טוב

פאר הילד

**מרדכי ב"ר מנחם הירש ני"ו**

לכבוד זיין אפשערן

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי רבי יואל כ"ץ שליט"א און ר' יואל הערש שפיטצער שליט"א

### ברכת מזל טוב

פאר הילד

**פנחס ב"ר מנחם דוד מאשקאוויטש ני"ו**

לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי רבי הערשל פעקעטע שליט"א

### ברכת מזל טוב

פאר הילד

**אליעזר דוד ב"ר בכור משה סרוגא ני"ו**

לכבוד זיין מומע איז געווארן א כלה

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי רבי יושע מאיר ווייזער שליט"א

### ברכת מזל טוב

פאר הילד

**יצחק ב"ר מנחם דוד מאשקאוויטש ני"ו**

לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי רבי בנימין כהן שליט"א און ר' יואל שמאיע שליט"א